# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



ואתחנן
תשפ"ב לפ"ק
גליון רל"ב

## פראגע

**וואס מיינט די מימרא אין די גמרא (עירובין י"ח:) אז א הויז וואו עס הערט זיך די קול פון תורה ביינאכט, וועט די הויז נישט חרוב ווערן?**

## ענטפער:

**דאס** איז ווי אלע מימרות אין תנ"ך און אין די גמרא – און עס מיינט אז דאס איז איינס פון די פאקטארן וואס ווערט גענומען אין באטראכט, צו פארמיידן א הויז פון חרוב ווערן.

אסאך מאל זעט מען פלוצלונג, חס ושלום, עס זאל נישט פאסירן, אבער צומאל זעט מען אז א הויז ווערט צעבראכן. צומאל איז עס א מחלה וואס באטרעפט פלוצלונג ח"ו, אדער אן אנדערע טראגעדיע און פלוצלונג זענען ח"ו ביידע עלטערן מער נישטא. עס פאסירט. צומאל צעטיילן זיך די עלטערן. א טראגעדיע. דער טאטע לויפט אוועק. עס פאסירט ח"ו. עס זענען דא אלע סארט וועגן וויאזוי א הויז קען ווערן אטאקירט.

יעצט א הויז איז זייער א טייערע ציגל אין די בנין פון כלל ישראל. יעדע אידישע היים האט אן אומשאצבארע ווערד צו אונז, חוץ דעם וואס עס האט די גרעסטע ווערד צו די מיטגלידער פון יענע הויז. און דערפאר דארפן מיר אויסצונוצן אלע מיטלען וואס מיר האבן אנצוהאלטן אזא הויז. און איינס פון די גרויסע פאקטארן איז די קול פון תורה וואס הערט זיך ביינאכט. אזא הויז וועט הקב"ה פרובירן אפצוהיטן. עס מיינט אז ער האט א פערזענליכע אינטערעסע כביכול אין די הויז. ער איז אינטערעסירט אז די הויז זאל אנהאלטן. און דערפאר וועט אזא שטוב ווערן אפגעהיטן קעגן אסאך געשעענישן וואס וואלטן געקענט קומען צעברעכן די הויז.

חס ושלום, ווען א אידישע הויז ווערט צעבראכן איז עס א חורבן פון א קליינע בית המקדש. און איינס פון די וועגן צו פארזיכערן די עתיד פון דעם הויז איז ארויסצונעמען ביינאכט א גמרא; אויב איר קענט נישט קיין גמרא נעמט ארויס א חומש און זאגט ארויס תורה הויעך אויפ'ן קול ביי אייער טיש. די גאנצע אטמאספערע אין דעם הויז טוישט זיך. און דער אויבערשטער האט זייער א גרויסע אינטערעסע אין אפהיטן דעם שטוב. (#133)

## פראגע

**ווען עס קומט צו די מצוה פון כיבוד אב ואם, וויאזוי שטימט עס מיט'ן מכבד זיין די ווייב? אסאך מאל קען מען נישט טון ביידע?**

## ענטפער:

**אויב** איר נוצט אייער שכל, וועט כיבוד אב ואם נישט מוזן זיין קיין סתירה מיט מכבד זיין די ווייב. אבער ווי דערמאנט פריער (ביים שיעור), שטייט אז א מאן איז מחויב צו מכבד זיין זיין ווייב און זען אז זיין שטוב זאל זיין א פלאץ פון שלום. פארשטייט זיך אז ער דארף אויך מכבד זיין זיין טאטע און מאמע אינדרויסן פון זיין הויז. אבער אויב גייט עס מאכן פראבלעמען פאר זיין שלום בית, זאלן זיינע עלטערן קיינמאל נישט ווערן איינגעלאדנט צו זיין הויז. אויב ער וויל קען ער ליגנט זאגן אגאנצן טאג ביי זיינע עלטערנ'ס הויז, אבער ער זאל נישט אהיימברענגען קיין שום עצות פון זיין מאמע. און אויב זיין מאמע מישט זיך אריין – ווי געזאגט פריער – דארף ער אראפליגן זיין פוס

און איר לאזן וויסן אז דאס קען נישט געשען.

אויב ווילט איר אהיימברענגען פארשלאגן פון אייער מוטער, מאכט זיכער אז עס זאל נישט האבן די קלענסטע רמז אז עס קומט פון איר, און וויבער קענען עס געוועגליך שמעקן. און דערפאר, פרובירן וואס ווילן שיקן רמזים צו זייערע שנירן דורך זייער זון – איז דאס די וועג עס צו טון: די בעסטע זאך וואלט געווען צו פארגעסן דערפון! לאזט ענדערש אייער שניר'ס הויז פארן אויף רעדער; זאל עס זיין איבערגעדרייט. מישט אייך נישט אריין! עס איז נאך אלץ בעסער פון וואס עס וועט זיין אויב איר פרובירט צו העלפן. אייער גוטהארציגקייט קען ווערן אויסגעטייטשט ווי קעגנערשאפט. ווייל יעדע שוויגער טראכט אזוי; יעדע שוויגער האט עצות, אבער די בעסטע עצה איז גארנישט צו זאגן. (#154)

## פראגע

**אויב אלעס וואס עס קומט פונעם אויבערשטן איז גוט, פארוואס דאווענען מיר און מיר בעטן אים זאכן וואס מיר מיינען אז ס'איז גוט?**

## ענטפער:

**דאס** איז א גוטע שאלה. און לאמיר בעסער מסביר זיין די פראגע: לויט דעם וואלטן מיר נישט געדארפט זאגן ספעציפישע זאכן אין אונזערע תפילות. מיר וואלטן נאר געדארפט בעטן "רבונו של עולם, טו וואס איז גוט פאר אונז." מיר וואלטן נישט געדארפט ארויסזאגן קיין ספעציפישע זאכן. מיר וואלטן אפילו נישט געדארפט בעטן "געב אונז געזונט".

ווייל מיר ווייסן אז אינעם פאל פון אחאב (מלך ישראל), האט ער געבעטן וועגן ער האט געהערט שלעכטע נייעס פונעם נביא קעגן אים, און ער איז טאקע אפגעשוינט געווארן; ער האט געקענט בלייבן לעבן. אבער די גמרא זאגט אז עס האט זיך נישט געלוינט פאר אחאב אז ער איז אפגעשוינט געווארן. ווייל אויב וואלט וועגן אחאב באשטראפט געווארן אויף דער וועלט און ער וואלט טאקע געשטארבן, וואלט עס געווען פאר אים סך בעסער.

אסאך מאל איז בעסער פאר א מענטש צו באשטראפט ווערן אויף דער וועלט. ווייל אז נישט זעצט ער פאר צו זאמלען חובות; ער טוט מער און מער עבירות און צום סוף שטעלט זיך עס אויס פאר אים אלס א גרויסע צרה אז ער האט געלעבט אזוי לאנג.

און דערפאר קומען מיר צוריק צו די קשיא: פארוואס בעטן מיר פונעם באשעפער פאר געזונט? פארוואס בעטן מיר פאר ספעציפישע זאכן וואס מיר ווילן?

און דער ענטפער איז ווי פאלגענד: וואס איז דען די תועלת פון זיין נישט אויפריכטיג? אויב וואלט איר נישט געבעטן פאר געזונט, מיינט עס דען אז איר ווילט עס נישט? איר דארפט נישט קיין געלט? איר ווילט דען נישט אלע סארט גוטס און גליקליכקייט?

אויב איר גייט נישט בעטן פאר דעם, ווייסט איר וואס איר גייט טון? איר גייט עס במילא פרובירן צו באקומען! דערפאר מוז א מענטש ארויסזאגן מיט זיין מויל פונקטליך וואס ער וויל. נאר וואס דען?! מען זאל צולייגן, "ריבונו של עולם, נאר אויב עס איז גוט פאר מיר."

אבער ער זאל בעטן וואס ער וויל, ווייל דאס וויל דער מענטש אמת'דיג. יעדער וויל זיין געזונט. יעדער וויל מצליח זיין אין ביזנעס. דערפאר, דארף מען בעטן פאר דעם. אז נישט איז מען א היפאקריט. נישט צו בעטן אבער דאך טון פעולות עס צו באקומען איז סך א גרעסערע פראבלעם.

דאס איז איין גוטע סיבה פארוואס מיר בעטן אויף ספעציפישע זאכן אין די תפילות – כדי דער מענטש זאל זיך נישט איינרעדן אז ער קען עפעס טון אליינס; כדי מיר זאלן געדענקען אלעמאל אז בלויז דער באשעפער קען אונז געבן געזונט, און נאר דער באשעפער קען אונז געבן פרנסה.

עס איז דא נאך א סיבה, אבער עס איז נישט דא יעצט די צייט פאר דעם. (# 224)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com


דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
רבי אביגדור ענטפערט
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב